# חוקת ג

א. חז״ל זאָגן[1], אַז דער באר וואָס האָט באַגלייט די אידן אין מדבר מיט וואַסער איז געווען בזכות מרים, און דערפאַר, איז גלייך נאָך דער פטירה פון מרים — „ולא הי׳ מים לעדה״[2]; און די ענני כבוד זיינען געווען בזכות אהרן, און ווען „מת אהרן נסתלקו ענני כבוד״.

פונדעסטוועגן איז דער באר געווען אויך נאָך פטירת מרים און די ענני כבוד נאָך פטירת אהרן, ווייל דערנאָך, ווי חז״ל זאָגן[1], „חזרו שניהם בזכות משה״.

בהשקפה ראשונה זעט אויס, אַז אויך רש״י בפירושו על התורה — לימוד פשוטו של מקרא — נעמט אָן ווי דברי חז״ל הנ״ל:

אויפן פסוק[2] „ולא הי׳ מים לעדה״ איז רש״י מפרש „מכאן שכל מ׳ שנה הי׳ להם הבאר בזכות מרים״, און אויפן פסוק[3] „וישמע הכנעני״ ברענגט ער[4] „שמע שמת אהרן ונסתלקו ענני כבוד״; לאידך אָבער געפינט מען, אַז דער באר איז געווען אויך נאָך פטירת מרים, ווי דערציילט ווייטער אין חומש[5] (ביים נס פון „אשד הנחלים״), און ווי רש״י איז מפרש אויף „ומבמות הגיא . . בשדה מואב״[6] — „כי שם מת משה ושם בטלה הבאר״.

דערפון איז משמע, אַז רש״י נעמט אָן אַז דעם באר האָט דער אויבערשטער צוריקגעקערט בזכות משה[7]; ובמילא איז מסתבר, אַז אויך די ענני כבוד חזרו בזכות משה[8] — ווייל עס לייגט זיך ניט צו זאָגן אַז זכותו של משה האָט גע־האָלפן נאָר פאַר חזרת הבאר און ניט פאַרן אומקער פון די ענני כבוד.

לפ״ז איז אָבער תמוה: בנוגע דעם באר דערציילט די תורה[9] ווי אַזוי ער איז צוריקגעקומען — אַז „ולא הי׳ מים לעדה ויקהלו על משה גו׳ וירב העם גו׳״, און דער אויבערשטער האָט גע־זאָגט משה׳ן „קח את המטה גו׳״ און די אידן האָבן ווידער געהאַט מים פון דעם סלע;

משא״כ בנוגע די ענני כבוד, ווערט ניט באַוואָרנט — ניט אין חומש און ניט אפילו אין פירוש רש״י — ווי אַזוי און ווען „חזרו״!

אויך דאַרף מען פאַרשטיין: כשם ווי דער ביטול הבאר נאָך מיתת מרים האָט גורם געווען צו „ויקהלו[9] על משה גו׳ וירב העם גו׳״, האָט אויך דער סילוק ענני כבוד נאָך מיתת אהרן לכאורה גע־דאַרפט אַרויסרופן אַן אויפגערודערט־קייט ביי די בנ״י — פאַרוואָס געפינט מען ניט אַז אידן זאָלן האָבן טענות אויף דעם וואָס „נסתלקו ענני כבוד״[10]?

1) תענית ט, א. ספרי דברים פי׳ שה. מכילתא בשלח טז, לה. ועוד.

2) פרשתנו כ, ב.

3) פרשתנו כא, א. ועד״ז לפנ״ז כ, כט. לקמן פינחס כו, יג. מסעי לג, מ. עקב י, ו.

4) „כדאיתא בר״ה״ (ג, רע״א).

5) רש״י פרשתנו כ, י־יא. כא, טז ואילך ובפרש״י.

6) שם, כ.

7) ראה שפ״ח שם. וראה רש״י שם, יח: חפרוה שרים משה ואהרן (ראה במקומות שבהערה 1: וחזרה בזכות שניהן).

8) ראה שפ״ח שם, טו; הנסמן לקמן הערה 37, 38.

9) פרשתנו כ, ב ואילך.

10) כי מה שחזרו לאחוריהם כו׳ לאחרי מיתת אהרן (רש״י פרשתנו כא, ד. פינחס ועקב שם) הי׳

ב. לכאורה וואלט מען געקענט איינלערנען, אז ע״פ פשוטו של מקרא זיינען די ענני כבוד מער ניט צוריק־געקומען נאך זייער סילוק לאחרי פטירת אהרן*[10]; און דער טעם דערפון איז פשוט — מען האט מער ניט גע־דארפט אנקומען צו די עננים:

רש״י האט שוין פריער[11] מפרש גע־ווען אז די עננים האבן ארומגערינגלט אידן „מד׳ רוחות . . למעלה . . למטה״, וואס דורכדעם האבן זיי (א) באשיצט די אידן „לבל יכה בהם שרב ושמש״[12]; (ב) ווי רש״י ברענגט ווייטער[13] — „היו שפים בכסותם ומגהצים אותם״; און נאך אן ענן איז פאראויסגעגאנגען (ג) „לנחותם הדרך״[14], און (ד) אויסגלייכן דעם וועג און באשיצן פון מזיקין: „מנמיך את הגבוה ומגבי׳ את הנמוך והורג נחשים ועקרבים״[15].

אבער נאך פטירת אהרן האבן די אידן זיך מער ניט גענויטיקט אין דעם אלעם וואס די עננים האבן אויפגעטאן פאר זיי, ווייל „הר ההר״ געפינט זיך שוין „על גבול ארץ אדום״[16], ביים סוף פון מדבר, נאענט צו מקומות של ישוב; ומובן אז דאס איז אן ארט וואו דער „שרב ושמש״ פון מדבר איז פיל שוואכער.

[און ניט נאר מצד דעם מקום — אויך מצד דעם זמן: פטירת אהרן איז געווען „בחודש החמישי באחד לחודש״[17] — חודש אב, נאענט צו דער צייט ווען די היצן ווערן שוואכער, ווארום „מחמשה עשר באב ואילך תשש כחה של חמה״[18].

— ס׳איז ניט קיין סתירה פון דעם וואס רש״י איז מפרש אין פ׳ נח[19], אז „חום״ מיינט „סוף ימות החמה חצי אב ואלול וחצי תשרי שהעולם חם ביותר . . שלהי[20] קייטא קשי מקייטא״ — ווייל, דארט איז דער טעם, ווי רש״י איז מדייק בלשונו: „שהעולם חם ביותר״, „לפי שכבר נתחמם כל האויר וגוף הבריות בחום הקיץ שעבר עליו״[21]; אבער היץ פון זריחת השמש מצ״ע ווערט שוא־כער פון חמשה עשר באב ואילך, ווי מ׳זעט עס במוחש.

ובנדו״ד, וויבאלד אז ביז מיתת אהרן (דער „קיץ שעבר עליו״) האבן די עננים באשיצט אידן פון דעם חום השמש, איז דא ניט געווען „כבר נתחמם (כל האויר ו)גוף הבריות בחום הקיץ שעבר עליו״ — און היות אז מחמשה עשר באב ואילך איז די זריחת השמש ניט מיט אזא שטארקייט, האבן זיי ניט געדארפט אנ־קומען צו די ענני כבוד „לבל יכה בהם שרב ושמש״].

ועד״ז האבן זיך די אידן ניט מער גע־נויטיקט (אזויפיל) — (א) אין דעם וואס

---

(לא מחמת הסתלקות ענני כבוד, כ״א) מפני „מלחמה זו״ (לשון רש״י פרשתנו שם) שהי׳ כמה זמן לאחרי סילוק ענני כבוד. והרי העננים שמשו לכמה דברים, כדלקמן בפנים.

*10) ראה עד״ז לקו״ש חי״ג ע׳ 74 הערה 16. ושם, ש(גם) מטעם זה מביא רש״י (פרשתנו כא, ח) השאלה „וכי נחש ממית״ בשם „רבותינו״ — כי שאלה זו היא רק ע״פ „רבותינו״ שענני כבוד חזרו (בזכות משה) והיו הורגים נחשים (כדלקמן בפנים), משא״כ ע״ד הפשט שאינו מפורש (ע״ע) שחזרו העננים. אבל ראה בארוכה לקמן בפנים.

11) בהעלותך י, לד.

12) לשון אדה״ז שו״ע או״ח ר״ס תרכה, מטושו״ע שם. וראה ישעי׳ ד, ו.

13) עקב ח, ד.

14) בשלח יג, כא.

15) פרש״י בהעלותך שם.

16) פרשתנו כ, כג. מסעי לג, לז.

17) מסעי שם, לח.

18) תענית לא, א.

19) ח, כב.

20) יומא כט, רע״א — צוויין ברש״י נח שם („כמו ששנינו במס׳ יומא״).

21) פרש״י יומא שם ד״ה שילהי.

די ענני כבוד „היו שפים בכסותם ומגהצים וכו'"[22] — ווארום אויב דארט וואלט ביי א אידן געווען דער פאל פון „שמלתך . . בלתה מעליך", האט ער גע־קענט קויפן א לבוש אין איינע פון די דערבייאיקע שטעט פון אומות העולם[23]; (ב) אויך האט מען שוין ניט געדארפט אנקומען בהכרח צום נס אז א ענן זאל זיי ווייזן דעם וועג, היות מ'האט זיך גע־פונען אין אן ארט וואו ס'זיינען שוין דא דרכים כבושות וכו'; (ג) און עד"ז אויך ניט דעם אויפטו פון „הורג נחשים ועקרבים" זייענדיק נאענט צו מקומות של ישוב[24].

[און אע"פ אז דער ענן האט גע־דארפט משווה זיין די הרים כו', און ווי רש"י איז מפרש אויף „הר ההר"[25] — „ואע"פ שהענן הולך לפניהם ומשוה את ההרים, שלשה נשארו בהן . . והר נבו לקבורת משה כו'", וואס דערפון זעט מען, אז דער ענן איז מיטגעגאנגען אויך (נאך מיתת אהרן) ווען אידן זיינען גע־קומען צו הר נבו (וואו משה איז נסתלק געווארן) —

וואלט מען געקענט פארענטפערן (בדוחק עכ"פ), אז דאס וואס דער ענן האט משוה געווען אלע הרים (חוץ הר נבו) מיינט (ניט, אז דאס איז פארגע־קומען בעת די אידן זיינען דארט גע־קומען, נאר) אז דאס האט זיך אפגעטאן פריער (מהלך ג' ימים שהלך לפני־הם[26]), נאך איידער אהרן איז נסתלק גע־ווארן, כדי צו באווארענען דעם עתיד.

עפ"ז וואלט געווען אויך רעכט דער סדר ווי רש"י רעכנט דארט אויס די דריי הרים וואס זיינען ניט אויסגע־גלייכט געווארן: „הר סיני . . והר נבו . . והר ההר" — וואס לויט סדר המאו־רעות וואלט „הר נבו" געדארפט שטיין נאך „הר ההר" —

אבער ע"פ הנ"ל וואלט מען עס גע־קענט מסביר זיין: מיט מקדים זיין הר נבו פאר הר ההר איז רש"י מרמז, אז דאס וואס דער ענן האט איבערגעלאזט הר נבו לקבורת משה איז דאס ניט גע־ווען אין א שפעטערדיקן זמן (ווען אידן זיינען אהינצו געקומען), נאר אין דעם זעלבן זמן ווען ער האט איבערגעלאזט הר ההר לקבורת אהרן].

ג. אין אמת'ן אבער, איז מוכרח צו זאגן, אז די ענני האבן זיך אומגע־קערט און באגלייט די אידן אויך נאך פטירת אהרן, ווייל:

א) בפשטות ווערט מיט „לנחותם הדרך" ניט געמיינט (בלויז) צו פאר־היטן פון בלאנדזשען אין מדבר (וואו ס'זיינען ניטא קיין דרכים), נאר בכלל צו ווייזן דעם דרך, די ריכטונג וואס דער אויבערשטער וויל אז די אידן זאלן גיין[27] — און וויבאלד אז אויך נאך מיתת אהרן זיינען געווען כו"כ מסעות, האט מען אויך דעמאלט געדארפט אנקומען צום ענן.

ב) רש"י זאגט בפירושו[28], אז נאך מיתת

22) ואף שזה נאמר במשנה תורה לאחרי מיתת אהרן — הרי משה סיפר אז מה שהי' במשך שהותם במדבר.

23) ראה יומא עה, ב.

24) להעיר ממש"נ (עקב ח, טו. וראה דברים א, יט וברש"י) „במדבר הגדול והנורא נחש שרף ועקרב" — והרי כבר יצאו מ„מדבר הגדול והנורא".

25) פרשתנו כ, כב.

26) פרש"י בהעלותך י, לה.

27) ראה פרש"י בשלח שם. וראה פרש"י יהושע (ג, ג) דלאחרי מיתת משה הי' הארון מראה להם הדרך (במקום הענן).

28) נסמן לעיל הערה 10.

אהרן „חזרו לאחוריהם דרך ים סוף . . שבע מסעות" — צוריק אין מדבר[29].

ג) די ענני הכבוד האבן באשיצט אידן אויך פון מלחמות מיט די אומות העולם. ווי רש"י האט שוין מפרש געווען ביי מלחמת עמלק[30], אז „וצא הלחם בעמלק" מיינט „צא מן הענן והלחם בו". וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז כל זמן אידן זיינען געווען ארומגענומען פון די ענני הכבוד די אומות העולם ניט גע־האט קיין שליטה צו לוחם זיין מיט זיי[31]; און ווי רש"י האט שוין מפרש געווען פריער[32], אז דער ענן האט מקבל גע־ווען די „חצים ואבני בליסטראות" וואס „היו מצרים זורקים".

[און דערפאר, גלייך נאך מיתת אהרן — „וישמע הכנעני . . וילחם ביש־ראל"[33], ווי רש"י איז מפרש[34], אז דער־זעענדיק אז „נסתלקו ענני כבוד" האט ער געמיינט אז „נתנה רשות להלחם בישראל"],

אשר לכן האט מען געדארפט די ענני כבוד צו באשיצן אידן אויך אין די שפעטערדיקע מלחמות.

29) ראה פרשתנו כא, ה.

30) בשלח יז, ט.

31) ומה שעמלק הי' יכול להלחם בישראל (ובפרט באופן ד„וגבר עמלק" — שם, יא) כבר תי' רש"י שם (פסוק ח) שבנ"י השואלים היש ה' גו' — „השליכו מעליו" — חוץ לענן, וכמפורש ברש"י תצא (כה, יח) „שהי' הענן פולטן". ועד"ז כש„ויעפילו לעלות וגו'" (שלח יד, מד־מה. דברים א, מא־מד) שפשוט שהי' מחוץ לענן, שהרי הי' היפך ציווי ה'. וראה לקמן בפנים סוף סעיף ה והערה 58.

32) יתרו יט, ד. — בפרש"י בשלח (יד, יט. וראה רש"י האזינו לב, יא) שהמלאך קבלם. אבל ראה בארוכה מפרשי רש"י בשלח שם. ואכ"מ.

33) פרשתנו כא, א.

34) מסעי לג, מ (וראה בארוכה לקו"ש ח"ח ע' 194 ואילך, הטעם שלא הביאו רש"י בפרשתנו, ולאידך מוסיף בפרשתנו „ועמלק מעולם רצועה כו'").

ד) דער אויפטו פונעם ענן אין די מ"ב מסעות, איז געווען ניט נאר צו ווייזן וואו צו גיין, נאר אויך (ווי די תורה איז מאריך אין פ' בהעלותך[35]) צו מודיע זיין ווען און ווי לאנג עס זאל זיין דער „יחנו" און דער „יסעו", וואס דאס איז נויטיק אין אלע מסעות, ביז מען איז אריין אין א"י.

ה) ועיקר: רש"י ברענגט אראפ אין פ' בלק (נאך מיתת אהרן), אויפן פסוק[36] „והוקע אותם לה' נגד השמש" — „השמש מודיע את החוטאים הענן נקפל מכנגדו והחמה זורחת עליו" — זאגט דאך רש"י בפירוש[37], אז דער ענן איז געווען אויך נאך מיתת אהרן[38] (און האט מגין געווען פון דעם שמש).

איז הדרא קושיא לדוכתא: פארוואס ווערט ערגעץ ניט דערמאנט (אז — און ווי אזוי) די ענני כבוד האבן זיך צוריק־געקערט — און פארוואס האט דער סילוק זייערער ניט ארויסגערופן קיין פערדרוס ביי אידן, כנ"ל?

ד. וועט מען דאס פארשטיין בהקדם א דיוק און שינוי לשון אין פירוש רש"י עה"ת: אין כמה מקומות[39] רופט ער אן די ענני — „ענני כבוד", און אין א צאל ערטער[40] — „עננים" (סתם).

35) ט, יז ואילך. וראה פקודי מ, לו ואילך.

36) כה, ד. ואף שמביאו מ„מדרש אגדה" — הרי כמדובר כמ"פ, כל מה שהובא בפרש"י עה"ת הוא פשוטו של מקרא או אגדה המיישבת דברי המקרא (רש"י בראשית ג, ח. ובכ"מ).

37) וכן מפורש בפרש"י תצא כג, יג „חוץ לענן" (וראה שפ"ח ומשכיל לדוד שם). וכן מוכח בפרש"י יהושע שם.

38) ראה חזקוני, ריב"א, שפ"ח ומשכיל לדוד בלק שם.

39) פרש"י אמור כג, מג. פרשתנו כ, כט. כא, א. פינחס כו, יג. מסעי לג, מ. עקב ח, ד. י, ו.

40) ראה לקמן בפנים.

אַט די צוויי לשונות געפינט מען אויך אין די מדרשי חז״ל וואו עס שטייט אַז עס זיינען געווען שבעה ענגים: אין טייל מדרשי חז״ל[41] איז די גירסא „שבעה ענגים היו״ (וכיו״ב), און אין אַנדערע[42] — „שבעה ענני כבוד היו״ (וכיו״ב). רש״י בפירושו על התורה[43] קלייבט אויס און שרייבט „שבעה עננים כתובים כו׳״.

ויש לומר הביאור: דעם חילוק צווישן ענגים סתם און ענני כבוד — קען מען זאָגן בפשטות: „ענני כבוד״ מיינט פשוטו כמשמעו, אַז דער גאַנצער תכלית זייערער איז נאָר צו ווייזן כבודם של ישראל[44]. ד. ה. עס זיינען געווען ענגים וואָס זייער ענין איז געווען צו באַשיצן און באַזאָרגן די אידן מיט זייערע צרכים און ענינים המוכרחים — חאָטש בדרך ממילא פאַרשטייט מען דערפון חבתן (וכבודם) של ישראל. און עס זיינען גע־ווען נאָך ענגים וואָס כל ענינם איז גע־ווען לשם „כבוד״ — אַרויסווייזן אויף וויפל דער אויבערשטער איז מכבד די אידן.

און דערפון איז מובן, אַז ניט אַלע ענגים זיינען ענני כבוד: דער ענן וואָס „מנמיך את הגבוה כו׳ והורג נחשים ועקרבים״[15] איז ניט פון די ענני כבוד, ווייל זיין אויפטו איז אַ דבר של הכרח אויף צו קענען גיין אין מדבר; און עד״ז דער ענן וואָס האָט זיי באַשיצט פון חום השמש אָדער פון אוה״ע בשעת מלחמה, איז ער ניט (נאָר) צוליב כבודם של ישראל, נאָר צוליב אַ תועלת אין ענינים נחוצים — דערפאַר נוצט רש״י אין די מקומות דעם לשון „ענן״ (סתם)

[לדוגמא: „וצא הלחם בעמלק — צא מן הענן״[30]; „זורקים חצים . . והענן מקבלם״[32]; „הר ההר — . . ואע״פ שהענן הולך לפניהם ומשוה את ההרים כו׳״[25]; „נגד השמש — . . הענן נקפל כו׳ והחמה זורחת עליו״[36]; „כל הנחשלים אחריך — . . שהי׳ הענן פולטן״[45]].

משא״כ ביי די ענגים וואָס זיינען נסתלק געוואָרן נאָך מיתת אהרן, איז דאָרט דער לשון: „נסתלקו (נאָר די) ענני כבוד״[46] — נאָר די ענגים וואָס זיינען געווען לכבודם של ישראל, אָבער ניט די ענגים[47] וואָס האָבן באַוואָרנט די צרכים פון אידן[48] — און די ענני כבוד האָבן זיך (ע״פ פשוטו של מקרא) טאַקע ניט אומגעקערט (ומובן ג״כ ובפשטות פאַרוואָס אידן האָבן ניט געהאַט קיין טענות בנוגע ענני כבוד ווי זיי האָבן גע־האַט ביי בארה של מרים).

41) מכילתא בשלח יג, כא („שבעה ענגים הם״. אבל ראה שם לאח״ז). ספרי בהעלותך י, לד. תנחומא במדבר ב (אבל בא בהמשך למ״ש לפנ״ז „ענני כבוד״). זח״ג שב, סע״ב. ועוד.

42) תנחומא בשלח ג. במדבר יב. תוספתא סוטה פ״ד, א. מכילתא בשלח שם. ברייתא דמלאכת המשכן רפי״ד. ספרי זוטא בהעלותך שם. במדב״ר פ״א, ב. יל״ש פקודי רמז תכז. זח״ג רפג, ב. תקו״ז תכ״א (נה, א). ועוד. וראה זח״ג קג, א.

43) בהעלותך שם. ולהעיר ג״כ מרש״י האזינו (לב, י) „והקיפם בעננים״. ברש״י יחזקאל (טז, י) „ומדרש אגדה . . שבעת ענני כבוד כו׳״. אבל (נוסף לזה שהוא „מדרש אגדה״, הרי) כמדובר כמ״פ, פרש״י לנ״ך אינו ע״ד הפשט כ״כ — כמו פירש״י עה״ת.

44) משא״כ ע״ד הדרוש כו׳ — ש„כבוד״ הוא כינוי לשכינה. וראה לקמן הערה 47.

45) תצא כה, יח.

46) אבל להעיר מפרש״י קהלת (ז, א) „וכן אהרן בעמוד ענן״. וראה הערה 43.

47) להעיר גם מרש״י תענית (ט, א ד״ה ונסתלקו): „ענני רקיע וענני עשן ושאר עננים אינן של כבוד״ (אבל ידוע השקו״ט (שד״ח ח״ט ע׳ א׳תתיד ועוד) אם הפי׳ לתענית הוא לרש״י).

48) ראה גם שפ״ח בלק שם. ולפ״ז אתי פרש״י פרשתנו (כ, כב) כפשוטו — דלא כנ״ל בפנים ס״ב בסופו. ומה שכותב רש״י „הר נבו״ לפני „הר ההר״ — נת׳ בשיחת ש״פ חקת תשל״ז.

[דערמיט קען מען פארענטפערן די קשיא פון רא"ם[49]: וויבאלד עס זיינען געווען עננים מד' רוחות וא' מלמעלה וא' מלמטה[15] — און א סוכה איז בדוגמא צו די עננים (ווי רש"י[50] איז מפרש: „כי בסוכות הושבתי — ענני כבוד") — האט אויך א סוכה געדארפט האבן „א' מלמעלה וא' מלמטה וד' מד' רוחותי" (און דער דין[51] איז, אז עס איז גענוג צוויי גאנצע דפנות און א דריטע וואס האט א טפח)?

ויש להוסיף בקושיתו — פארוואס מאכט מען ניט קיין זכר צו דעם זיבעטן ענן וואס איז געווען „לפניהם"?

וע"פ הנ"ל איז עס פארענטפערט: דער זכר וואס מיר מאכן איז נאר צו די „ענני כבוד"[52] — די עננים וואס כל ענינם איז נאר לשם „כבוד"[53]; אבער דער ענן וואס איז געווען „לפניהם", ועד"ז כמה פון די אנדערע ששה עננים, האבן (אויך) משמש געווען אויף צו באווארענען די צרכים[54] פון די אידן כנ"ל, ובמילא איז אויך דער מספר דפנות הסוכה — ניט פארבונדן מיט מספר ענני הכבוד. ובפרט אז י"ל אז עס איז אין דעם געווען שינוים — במסע וועו מ'האט ניט געדארפט האבן הגנה מצד מסוים — איז דער ענן מצד זה געווען אן ענן הכבוד].

ה. עפ"ז וועט מען אויך פארשטיין א דיוק אין פרש"י הנ"ל (סעיף ג) אויף „וישמע הכנעני"[34] — „שנסתלקו ענני כבוד וכסבור שנתנה רשות להלחם בישראל" — דלכאורה האט רש"י געדארפט דערמאנען דעם עיקר החידוש (אויך) — „שנתנה האפשריות והרשות להלחם בישראל" — וויבאלד אז די אידן זיינען פריער געווען ארומגענומען פון די עננים און עס איז געווען אוממעגלעך צו מלחמה האבן מיט זיי (כנ"ל שם) —

וע"פ הנ"ל איז עס מובן[55]: אויך נאך דעם ווי „נסתלקו ענני כבוד" איז געבליבן דער ענן וואס האט באשיצט אידן פון אוה"ע בשעת מלחמה; דער כנעני האט אבער געמיינט, אז וויבאלד עס זיינען נסתלק געווארן די ענני כבוד — דער אויבערשטער ווייזט שוין מער ניט ארויס אזויפיל כבוד צו אידן, איז דאס א באווייז אז „נתנה רשות להלחם בישראל"; אבער בנוגע דער אפשריות למלחמה (מצד די אנדערע עננים) האט זיך גארניט געביטן[56].

[און ס'איז ניט קיין קשיא: ווי איז אפשר און ווי קומט עס אז דער כנעני[57]

---

49) בהעלותך שם. וראה גו"א וצידה לדרך שם. ב"ח לטאו"ח סו"ס תרכה. פרמ"ג (א"א) שם. וראה לקו"ש אמור תשמ"ט בסופו.

50) אמור שם. ולהעיר מרש"י בהעלותך (ט, יח) „כמין סוכה" — אבל שם המדובר בענן שהי' על המשכן (כמשמעות הכתובים שם, וכדיוק לשון רש"י „עמוד הענן"), והי' „נמשך (רק) על גבי בני יהודה . . עד שמשה אומר שובה וכו'". ואכ"מ.

51) סוכה ו, ב. טושו"ע או"ח סתר"ל ס"ב.

52) כדיוק לשון רש"י „ענני כבוד". ולהעיר מהשינוי בין ת"א ותיב"ע שם.

53) עפ"ז מתורץ ג"כ מה שהקשה בב"ח שם „למה ציוה יותר במצות סוכה . . יותר משאר חסדים" (כמו מן ובאר כו') — כי סוכה הוא זכר (לא לענין של הספקת צרכים, כ"א) לענין של כבוד. וראה לקו"ש שם.

54) ראה ב"ח שם דזה שלמטה הי' מנמיך הגבוה (ובפרמ"ג שם, שהי' מגין מפני נחשים). אבל בפרש"י בהעלותך (י, לד) שכל זה נעשה ע"י זה ש„לפניהם", וכמ"ש בצידה לדרך שם.

55) ראה ביאור באו"א — לקו"ש ח"ח שם.

56) אבל להעיר מתוספתא סוטה (פי"א, א): אי' הלך התייר שלהם המכביש להם את הדרך.

57) ועד"ז סיחון ועוג. וכן אדום (פרשתנו כ, יח־כ) — שהי' לפני מיתת אהרן וסילוק ענני כבוד.

זאָל פאַרפירן אַ מלחמה מיט אידן בשעת זיי זיינען באַשיצט פון דעם ענן? — ווייל, אין הכי נמי, אין דעם פרט האָט אים די חוצפה פאַרפירט ביז צו שטות כו׳; און ער האָט גערעכנט אַז אידן וועלן אַרויסגיין פון דעם ענן כדי צו מלחמה האָבן מיט אים[58].

ובפרט לויט פרש״י לפנ״ז[33] אַז דער כנעני דאָ איז עמלק — און עמלק איז דאָך געווען דער וואָס האָט שוין פון פריער געפירט מלחמה מיט אידן „הנחשלים אחריך — שהענן פולטן״[59], אפילו ווען „היו כל האומות יראים להלחם בכם . . קפץ וירד . . אע״פ שנכוה כו׳״[59]; האָט ער ווידעראַמאָל זיך פאַרמאָסטן קעגן אידן אין אַן אופן פון „קפץ״, ניט קוקנדיק וואָס זיי זיינען געווען באַשיצט פון דעם ענן].

ו. אויף דער הסברה הנ״ל, אין דעם חילוק צווישן „ענני כבוד״ און עננים סתם, קען מען אָבער פרעגן: רש״י זאָגט דאָך[13] אַז די „ענני כבוד היו שפים בכסותם ומגהצים אותם . . ואף קטניהם כמו שהיו גדלים הי׳ גדל לבושן עמהם״, וואָס די ביידע אויפטואונגען פון די ענני כבוד זיינען לכאורה פון די זאַכן וואָס געהערן צו הצטרכות בני אדם און ניט אַן ענין פון כבוד (לחוד)[60].

אין אמת׳ן אָבער איז דאָס קיין קשיא ניט. וואָרום, בפשטות, איז דאָס וואָס רש״י זאָגט „ואף קטניהם . . הי׳ גדל לבושן עמהם״ מיינט ער ניט בהמשך און אַלס אויפטו פון די ענני כבוד[61] — וואָרום וואָס פאַר אַ שייכות האָט „גדל לבושן עמהם״ צו די ענני כבוד?! — נאָר ריידנדיק וועגן די לבושים זאָגט רש״י אַז מיט זיי איז געשען אַ (באַזונדער) נס, וואָס זיי זיינען מיטגעוואַקסן צוזאַמען און פאַרבונדן — ניט מיט עננים וכו׳ — נאָר מיט זייערע גופים (ווי רש״י זאָגט דאָרט) „כלבוש הזה של חומט שגדל עמו״.

[און דער טעם וואָס רש״י ברענגט דאָס בהמשך צו זיין פירוש אַז „ענני כבוד היו שפים בכסותם כו׳״, איז ווייל גלייך דאָ קען זיך שטעלן די שאלה: בשלמא די גדולים האָבן געקענט נאָכאַנאַנד טראָגן די זעלבע קליידער, צוליב דעם וואָס „שמלתך לא בלתה מעליך״ — ווי אַזוי אָבער האָבן די קטנים געקענט כסדר טראָגן אין מדבר די זעלבע קליידער בעת זיי וואַקסן און ווערן גדול יותר? באַוואָרנט דעריבער רש״י, אַז דערביי האָט דער אויבערשטער געוויזן אַ נס, אַז „הי׳ גדל לבושן עמהם״].

און דאָס וואָס די „ענני כבוד היו שפים בכסותם ומגהצים אותם״, איז ניט געווען אַ הכרח — ווייל אויך לולא די „ענני כבוד״ וואָלטן די אידן אין מדבר דאָס געקענט טאָן — דורכפירן דעם שיפוי וגיהוץ באופן הרגיל.

[ובדוגמא ווי „שמלתך לא בלתה״ — איז ניט געווען אַ נס הכרחי — ווייל זיי

58) כי העננים הועילו רק להגין מפני החצים כו׳ כנ״ל, אבל לא שיוכלו בנ״י לנצח האויב ולכבוש ארצו כו׳. וכדמוכח מפרש״י בשלח (יז, ט) „צא מן הענן והלחם בו״. וכן הי׳ גם בפועל בנדו״ד, שלכן הי׳ אפ״ל „וישב ממנו שבי״ (פרשתנו כא, א). וכן במלחמת סיחון ועוג ומלחמת מדין, בפשטות יצאו בנ״י מן הענן. ולהעיר מרש״י יחזקאל טז, טו.

59) פרש״י תצא כה, יח.

60) ובפרט שבכ״מ (מדרש תהלים מזמור כג. דב״ר פ״ז, יא. שהש״ר פ״ד, יא) הגירסא „הענן שף כו׳״, ורש״י בוחר בהגירסא (פסיקתא דר״כ פ׳ בשלח. הובא בילק״ש עקב שם) „ענני כבוד״.

61) וכן מוכח מלשון המדרשים שצויינו בהערה הקודמת „ולא היו (הקטנים) גדלים . . החלזון הזה כו׳״ — ולא נזכר ע״ד ענני כבוד רק אח״כ, ע״ז ש„לא היו צריכין תכבוסת״.

האבן זיך געקענט באזארגן מיט נייע לבושים — אדער פון די ריבוי „שמ־לות״[62] וואס מ׳האט מיטגענומען ביי יציאת מצרים[63], אדער מאכן פון דעם צמר הכבשים וכו׳ וואס זיי האבן גע־האט פון דעם מקנה זייערן, אדער דורך קויפן א לבוש בעת זיי זיינען פון צייט צו צייט געווען בקירוב צו א מקום ישוב[64]].

און וויבאלד אז דער „שפים״ און „מגהצים״ דורך די ענני כבוד דוקא איז געווען (ניט אן ענין הכרחי פאר אידן, נאר) בלויז צו פארשפארן זיי א טרחא (קלה), איז דאך דאס גופא דער אמת׳ער ענין און צייכן פון כבוד — אויף וויפיל דער אויבערשטער איז מייקר ומכבד די אידן — און דערפאר איז דאס שייך צו די ענני כבוד.

ז. עס בלייבט אבער צו פארשטיין: וויבאלד רש״י[6] זאגט אז „בטלה הבאר״ איז פארבונדן מיט מיתת משה, איז משמע אז רש״י נעמט אן, אז חזרת הבאר איז געווען בזכות משה (כנ״ל ס״א) — היינט פארוואס זיינען אויך די ענני כבוד ניט צוריקגעקומען בזכות משה?

וי״ל הביאור בזה: לויט פשוטו של מקרא — איז דאס אלעס וואס אידן האבן באקומען דורך משה׳ן — איז (ניט ווי בא אהרן ומרים — וואס בזכותם האבן אידן באקומען ענני הכבוד ומים, נאר) — משה אלס רועה נאמן האט פארזארגט אידן מיט אלעם וואס זיי נייטיגן זיך, און ווען זיי נייטיגן זיך אין דעם.

ועפ״ז יומתק: מען זעט, אז דער ענין — וואס משה האט באזארגט אידן מיט זייערע צרכים — איז (ניט ווי אן ענין התלוי בזכות, וואס ווערט בטל נאך דער הסתלקות פון בעל הזכות[65], נאר) אין אן אופן אז עס ווערט באווארנט אז נאך זיין פטירה זאלן זיי (דאס אויך באקומען, אדער זיי זאלן) צו דעם ניט דארפן אנ־קומען:

אע״פ אז נאך מיתת משה איז „בטלה הבאר״ — האבן אבער די אידן מער ניט געדארפט אנקומען צום באר, ווייל זיי זיינען שוין דאן געווען באם ירדן[66]; ועד״ז בנוגע דעם מן, האט שוין רש״י[67] מפרש געווען, אז (אע״פ) „כשמת משה בז׳ אדר פסק המן מלירד (האבן זיי אבער געהאט דעם מן אויך שפעטער היות) ונסתפקו ממן שלקטו בו ביום עד שהקריבו העומר בששה עשר בניסן״.

ח. דערפון האט מען דעם לימוד בנוגע צו נשיאי ישראל בכל דור ודור, אז אויך נאך הסתלקותם, ווען בעיני בשר זעט מען ניט זייער השפעה באופן גלוי (ע״ד ווי דער מן נאך מיתת משה, וואס מ׳האט א קוק געטאן אין וועלט האט מען געזען אז פסק מלירד) — איז אבער דא דער כלל מפורסם, אז „לא יפרדו מעל צאן מרעיתם״[68]:

62) בא יב, לה („כלי כסף וכלי זהב ושמלות״. והרי הי׳ באופן של „וינצלם״ (שם, לו). וראה פרש״י בא יג, יג — ע״ד ריבוי הכלי כסף וזהב).

63) כמ״ש הראב״ע עקב שם.

64) ועפ״ז, גם את״ל ד„הי׳ גדל עמהם״ שייך לענני כבוד — אי״ז ענין הכרחי.

65) כמו „ולא הי׳ מים לעדה״ לאחרי מיתת מרים, ונסתלקו ענני כבוד לאחרי מיתת אהרן.

66) סוף פרשתנו. ועוד.

67) בשלח טז, לה (ממכילתא שם. ולדעת ר״י שם, אכלוהו י״ד שנה אחר מיתת משה!).

68) לשון כ״ק מו״ח אדמו״ר ע״ד אביו כ״ק אדמו״ר מהורש״ב נ״ע במכתבו ליארצייט הראשון שלו (ב׳ ניסן תרפ״א) — נדפס בס׳ חכמי ישראל (נ.י. תרפ״ד) לג, א. אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ נ״ע ח״א ע׳ קמא.

און ניט נאָר מצד דעם וואָס „אף כאן עומד ומשמש (ממרום)"[69] — וואָס דאָס איז ניט שייך צו זען בעיני בשר — נאָר אויך דערפאַר וואָס די פעולות וענינים וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן פאַר אידן בחיים חיותם בעלמא דין, זיינען אַ פעולה נמשכת — מ׳איז זיך „מסתפק" פון זיי אויך נאָך זייער הסתלקות פון עולם הזה.

ט. און דאָס איז אויך די שייכות מיוחדת פון דעם ענין הנ"ל מיט דעם חג הגאולה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר די״ב-י״ג תמוז — וואָס פאַלט אויס (בכו"כ שנים — וכקביעות שנה זו) אין די ימי השבוע פון שבת פ׳ חקת (דמיני׳ מתברכין[70]) — ווייל אַט דער ענין זאָגט זיך אַרויס באופן ניכר אין דער גאולה פון רבי׳ן:

מ׳זעט במוחש, ווי דער נצחון וגאולה פון י״ב-י״ג תמוז בימים ההם, וואָס האָט גע׳פועל׳ט אַז אפילו אין יענער מדינה זאָל זיין החזקת התורה והפצת היהדות וכו׳ — איז אַ פעולה נמשכת עד היום הזה. דאָס האָט שוין אויפגעשטעלט דריי דורות פון אידן שומרי תורה ומצוה במדינה ההיא — וואָס דאָן פסק׳נט אַפ תורה אַז „לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך גו׳ מעתה ועד עולם"[71].

און נאָכמער: מ׳זעט, אַז אפילו אַזעלכע וואָס זיינען שוין כמה דורות געוועזן אָפּגעריסן ר"ל פון תורה און אידישקייט — צוליב דעם מצב איום ותנאים איומים במדינה ההיא — אויך זיי זיינען זיך „מסתפק" פון דער פעולת הגאולה עד היום הזה, אַז דאָס איז זיי איצט מעורר מיט אַ תנועה פון תשובה און זיי קערן זיך אום צו אַ לעבן פון תורה און אידישקייט.

און דורך דעם וואָס מ׳וועט טאָן כדבעי אין די פעולות פון דעם חג הגאולה[72] צו מחזק זיין תורה ויהדות און מפיץ זיין זיי, כולל ובפרט ענין שהזמן גרמא — הפצת מעיינות החסידות חוצה — וועט דאָס אַראָפּברענגען דעם „קא אתי מר" דא מלכא משיחא, במהרה בימינו אמן.

(משיחות מוצאי ש״פ מטו״מ, ש״פ דברים וט״ו באב תשל״ט)

---

69) סוטה יג, סע״ב.

70) זח״ב סג, ב. פח, א.

71) ישעי׳ נט, כא. ב״מ פה, א.

72) ראה מכתב בעל הגאולה לחגיגה הראשונה — י״ב תמוז תרפ״ח (נדפס בסה״מ תרפ״ח (ע׳ קמו) ותש״ח (ע׳ 263) ועוד).

# בלק

א. שוין גערעדט אמאל בארוכה, אז כאטש רש״י בפירושו עה״ת איז מפרש פשוטו של מקרא, און דארטן וואו ער ברענגט אין זיין פירוש דרשות רז״ל, איז דא אויף זיי א הכרח ע״פ פשט [1] — פונדעסטוועגן זעט מען אז אין אונזער פרשה, בשייכות צו דברי בלעם, ברענגט רש״י אראפ א ריבוי דרשות רז״ל, כלל שלא ע״ד הרגיל בפירושו.

די הסברה אין דעם: תורה — בפשוטו של מקרא — זאגט בפירוש „וישא משלו״ [2], איז מובן, אז (אויך) לויטן דרך הפשט איז דער פירוש פון אט די פסוקים ניט (באגרענעצט) לויט דעם פשוט׳ן טייטש פון די ווערטער [3], נאר עס איז דא א נמשל, אין זיי געפינען זיך (אויך) רמזים און דרשות וואס זיינען ניט מפורש אין די ווערטער פון פסוק:

אבער צוזאמען דערמיט איז מובן, אז אויך די דרשות האבן א הכרח אין פשט הכתוב, זיי האבן א שייכות און זיינען נוגע צום הבנת הכתוב [4].

עפ״ז דארף מען פארשטיין דעם צווייטן ד״ה בפירוש רש״י אויפן פסוק [5] (אין דברי בלעם) „כי לא נחש ביעקב ולא קסם בישראל כעת יאמר ליעקב ולישראל מה פעל א־ל״. רש״י איז מעתיק די ווערטער „כעת יאמר ליעקב וגו׳״ און איז מפרש: עוד עתיד להיות עת כעת הזאת אשר תגלה חיבתן לעין כל שהן יושבין לפניו ולומדים תורה מפיו ומחיצתן לפנים ממלאכי השרת והם ישאלו להם מה פעל א־ל וזהו שנאמר [6] והיו עיניך רואות את מוריך, ד״א יאמר ליעקב אינו לשון עתיד אלא לשון הווה אינן צריכים למנחש וקוסם כי בכל עת שצריך להאמר ליעקב ולישראל מה פעל הקב״ה ומה גזרותיו במרום אינן מנחשים וקוסמים אלא נמסר להם ע״פ נביאיהם מה היא גזירת המקום או אורים ותומים מגידים להם. ואונקלס לא תרגם כן.

ולכאורה:

א) די אריכות אין פרש״י — בפרט אין ערשטן פירוש — וואו איז דאס אלץ מרומז (און וואס איז עס נוגע צום פשט) אין די ווערטער פון פסוק?

ב) וואס איז די שווערקייט אין יעדן פון די פירושים, וואס רש״י דארף אנקומען צוביידע פירושים?

ג) רש״י איז מקדים דעם ערשטן פירוש פארן צווייטן, וואס ווייזט אז ער איז נעענטער צום פשט — מיט וואס איז דער ערשטער פירוש נעענטער צו פשש״מ?

ד) וואס איז רש״י אויסן מיט׳ן סיום „ואונקלס לא תרגם כן״ [7] — בריבוי

---

1) כפירושו בפ׳ בראשית — ראה לקו״ש ח״ה ע׳ 1 ובהערות שם.

2) כג (ז. יח); כד (ג. טו. כ. כא. כג).

3) שע״ד הפשט מדבר ברמז — ראה פרש״י משפטים כא, יג. ובכללות יותר: כל דברי בלעם אלה ה״ה ענין של נבואה ובלילה (ראה רש״י פרשתנו כב, ה. כב, ח), והרי נבואה (גם לנביאי ישראל) היא בחלום וחזיון (בהעלותך יב, ו. ובפרש״י שם) ו„בחידות״ (שם, ח) ואי״כ מובן שע״פ דרך הפשט הכתוב אומר דרשני.

4) ראה פרש״י משפטים שם.

5) כג, כג.

6) ישעי׳ ל, כ.

7) בכמה כת״י רש״י ליתא.